Orange & Rockland

# נייע קאסטומער סערוויס סיסטעם אפט געפערגטע פראגעס

## וואס האלט יעצט Orange & Rockland אינמיטן טון?

מיר ערזעצן די סיסטעם וואס מיר נוצן יעצט צו שטיצן קאסטומער סערוויס לענגאוויס Orange & Rockland און Con Edison'ס סערוויס געגנטער. די נייע קאסטומער סערוויס סיסטעם וועט אונז העלפן בעסער סערווירן קאסטומערס דורך האנדלען סערוויס פארבינדונגען, בילינג, באצאלונג פראצעסירונג, זאמלונגען, און פעלד ארבעט.

## ווען וועט די איבערטויש צו די נייע קאסטומער סערוויס סיסטעם פארקומען? וועלכע סערוויסעס וועלן נישט זיין אוועילעבל?

My Account (מיין אקאונט) און אנדערע Orange & Rockland טשאנעלס וועלן צייטווייליג נישט זיין אוועילעבל דורכאויס די איבערטויש פון אקטאבער 5 - 9.

## ביטע נעמט אין אכט די פונקטליכע סיסטעם מעינטענענס דאטומס:

- **oru.com:** דאנערשטאג, אקטאבער 5 ביז מאנטאג, אקטאבער 9
- **מאביל עפפ:** דאנערשטאג, אקטאבער 5 ביז זונטאג, אקטאבער 15
- **אנליין עלעקטריק בארעכטן:** פרייטאג, אקטאבער 6 ביז מאנטאג, אקטאבער 9

איר וועט נישט קענען אוועקשטעלן שפעטערדיגע באצאלונגען דורכאויס די איבערטויש. מיר וועלן בלויז אננעמען באצאלונגען פאר'ן זעלבן טאג פון שבת, סעפטעמבער 2 ביז דאנערשטאג, אקטאבער 5.

איר וועט נישט קענען אנהויבן אדער אפשטעלן סערוויס אנליין פון דאנערשטאג, סעפטעמבער 28 ביז מאנטאג, אקטאבער 9. אויב איר דארפט הילף מיט אייער סערוויס אין די צייט, ביטע רופט 1-877-434-4100.

אויב איר פארלירט אייער עלעקטריק אדער האט אנדערע סערוויס פראבלעמען אין די טעג, ביטע טעקסט OUT צו 69678 (myORU) אדער רופט אונז אויף 1-877-434-4100.

אויב איר פארדעכטיגט אז עס רינט גאז, פארלאזט גלייך די פלאץ און רופט 911.

## וועלכע ענדערונגען וועל איך באמערקן?

אין אקטאבער, וועט איר זען א **נייע, 11-ציפערן אקאונט** נומער אויף אייער ביל - דאס איז איין ציפער מער ווי אייער אלטע אקאונט נומער. אייער אקאונט פראפייל און פארבינדענע אקאונט(ס) וועט בלייבן די זעלבע.

## איז דא עפעס וואס איך דארף טון?

אויב איר צאלט אונזער ביל דורך די Orange & Rockland וועבזייטל אדער מאביל עפפ, אדער איר זענט איינגעשריבן אין Auto Pay (באצאלן אוטאמאטיש), דארפט איר גארנישט טון. אויב איר צאלט אייער ביל דירעקט דורך אייער באנק'ס וועבזייטל אדער דורך Home Banking (היים באנקינג), וועט איר דארפן אריינלייגן אייער נייע Orange & Rockland אקאונט נומער. אויב איר צאלט מיט א טשעק, ביטע שרייבט אייער נייע אקאונט נומער אויף אייער טשעק.

Orange & Rockland

## וואס פאסירט אויב איך צאל מיין ביל נוצנדיג מיין אלטע אקאונט נומער?

כאטש מיר מוטיגן אייך צו אנהויבן נוצן אייער נייע אקאונט נומער וואס שטייט אויף אייער אקטאבער ביל, וועלן סיי וועלכע באצאלונגען געמאכט מיט אייער אלטע אקאונט נומער דורכגיין פאר א געוויסע איבערגאנג צייט אפשניט.

## וויאזוי וועל איך געווארן וועגן איבער די ענדערונגען?

מיר וועלן זיך פארבינדן מיט קאסטומערס דורך אימעיל, סאושעל מידיע, מיטשיקן מיט בילס, ביל מעלדונגען, און וועבזייטל מעלדונגען.

## וויאזוי וועט Orange & Rockland שטיצן א גרינגע איבערטויש?

אונזערע צוגרייטונגען נעמען אריין א געוויכט אויף קאסטומער סופארט, מער רוף צענטער שטאב, און פארברייטערטע ארבעטער טרענירונג ארויסצוהעלפן מיט קאסטומער סופארט.

## וועלן די פערזענליכע סערוויס צענטערן זיין אפן?

צענטערן וועלן ווערן פארמאכט דאנערשטאג, אקטאבער 5, 2 אזייגער נאכמיטאג, און זענען ערווארטעט זיך צוריק צו עפענען דינסטאג, אקטאבער 10.

## וואס איז אויב איך דארף באצאלן מיין ביל כדי אז מיין עלעקטריק זאל נישט ווערן אפגעהאקט?

מיר וועלן נישט אפהאקן עלעקטריק פון קאסטומערס דורכאויס די איבערטויש.

## וויאזוי קען איך זען מיין אקאונט נומער?

אין My Account (מיין אקאונט), קומט אייער אקאונט נומער ארויף אונטער אייער אדרעס ווען איר **צאלט אייער ביל**.

אויף אייער פאפירענע ביל, שטייט אייער אקאונט נומער אויף די איבערשטע רעכטע זייט פון אייער ביל, אונטער אייער נאמען.

## וויאזוי קען איך פרעגן פראגעס איבער די איבערטויש אדער איבער מיין נייע אקאונט נומער?

ביטע **אימעיל'ט אונז** אדער רופט **1-877-434-4100** אויב איר האט נאך פראגעס.